# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Der Velt-Banem Fun Di Khaza”l / The World Span of The Rabbinic Scholars


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2162q9pc



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)



### Author
Abraham Golomb, Avrum Golomb /



### Publication Date
1978



### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אברהם גאָלאָמב

# דער וועלט־באַנעם פון די חז״ל

עס איז אָנגענומען ביי יידן דער אויסדרוק חז״ל. מיט דעם וואָרט באַצייכנט מען די חכמי התלמוד. דאָס איז אַ ראשי תיבות פון „חכמינו זכרונם לברכה.“ דאָס וואָרט חכם האָט אַ באַטייט ניט ווי היינט סתם קלוג. אין גמרא ווערט אָפט געבראַכט אַ זאַץ פון תנ״ך. אַלע געדאַנקען באַזירן די חז״ל אויף פסוקים פון תנ״ך, אויף די רייד פון די נביאים. עס ווערט אָבער ניט גענוצט דער אויסדרוק נביאינו זכרונם לברכה, אָדער די ראשי תיבות פון אויסדרוק נז״ל. ניטאָ דער אויסדרוק אין גמרא און ניטאָ בכלל ביי יידן. עס קומט אויס אַז צו די שעפער פון גמרא איז ביי יידן געווען אַ בעסערע באַציונג ווי צום תנ״ך. אין דער זעלביקער צייט באַמיען זיך די חז״ל צו באַגרינדן זייערע רייד אָדער בכלל זייערע געדאַנקען מיט אַ פסוק פון תנ״ך, פון די נביאים. פאַרוואָס איז אָבער ניטאָ דער אויסדרוק נביאינו זכרונם לברכה, נז״ל? דער פסוק פון תנ״ך איז געווען דער פעסטער באַזיס, וואָס מען שפּאַרט זיך אָן אויף אים. און אין דער זעלבער צייט טרעפט זיך גאָר ניט זעלטן אַן אויסדרוק אַזוי ווי פון ביטול, פון ביטול „סתם דברי נבואה“, ווי זאַצן וואָס האָבן ניט קיין ממשותדיקן ווערט. קומט אויס ווי אויף די נביאים האָט מען זיך ווייניקער אָנגעשפּאַרט ווי אויף סתם אַ פסוק. אויף דעם פסוק וואָס די חז״ל האָבן גוט געקענט האָט מען זיך פאַרלאָזט ווייניקער. עס איז באַקאַנט דער זאָג פון גמרא, אַז איין שטעמפּל פון קיניג האָט מער געווירקט ווי די רייד פון אַלע נביאים און נביאות (המנס גזירה).

איך נעם זיך צו דער אַרבעט ניט אָן פחד. ערשטנס בין איך לגמרי ניט קיין בקיא אין ש״ס בכלל און בפרט נאָך אין דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור כדי צו קענען שרייבן וועגן דער וועלטאָנשויונג פון די חז״ל. אָבער עס איז אַ מין כלל, און אַזוי האָב איך געלערנט מיינע תלמידים אין דעם ווילנער לערערסעמינאַר — דרך ארץ פאַר מענטשן. דאַרף איך אַליין איצט מקיים זיין מיין תורה: דרך ארץ פאַר מענטשן. איז אָט נעם איך זיך צו דער אַרבעט: „דער וועלטבאַנעם פון די חכמי התלמוד“. איך ווייס פאָרויס: מיין אַרבעט וועט האָבן אַ סך דעפעקטן, אָבער, ווי זאָגט טוביה דער מילכיקער: „במקום שאין איש, איז אַ הערינג אויך אַ פיש.“ די חז״ל אַליין האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט רעפערירן זייער וועלט־באַנעם. דאָס איינציקע וואָס מיר קאָנען טאָן איז פון זייערע אַרויסזאָגונגען לערנען זייער וועלט־באַנעם. אָט דאָס וועלן מיר טאָן.

## לימוד און תלמוד

דאָס וואָרט תלמוד איז אין תנ״ך ניטאָ. אין תלמוד אָבער — דורכויס. פון תלמוד איז עס געקומען אויך אין יידיש. עס איז אַ כלל: מען שאַפט ניט קיין נייעם טערמין כל זמן מען קען נוצן דעם אַלטן. פאַראַן אין תנ״ך דאָס וואָרט לימוד. וואָסערע נייע באַגריפן האָט געבראַכט דאָס וואָרט „תלמוד“? וואָס איז דער אונטערשייד „לימוד תורה“ און „תלמוד תורה“? דאָס וואָרט לימוד ווערט באַנוצט תמיד ווו מען מיינט אויסצולערנען דאָס וואָס איז שוין פאַרשריבן, בעת תלמוד ווערט געברויכט ווו מען דאַרף שאַפן נייעם, וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן. דער תנ״ך האָט שוין ניט געקאָנט מער באַפרידיקן. ער האָט שוין לגמרי ניט געקאָנט מער זיין צוגעפּאַסט צום לעבן; זיין צייט איז שוין אַוועק. און די חז״ל האָבן זיך דאָך פאַרנומען מיט פעסטשטעלן אַ שטייגער לעבן פון זייער צייט, וואָס איז שוין ווייט אַוועק פון דער תנ״ך־צייט. און דאָס איז דאָך געווען די הויפּט־אויפגאָב פון די חז״ל. זייער הויפּט פחד איז געווען „שמא יכלה זרעו של אברהם אָבינו?“ און זיי האָבן ריכטיק געדענקט: וועט זיך איינשטעלן אויף אייביק, וועט זיין אַ יידיש פאָלק; ווען חלילה ניט, איז יכלה זרעו של אברהם אָבינו.“ די פאַרצייטיקע גריכן האָבן געלאָזן אַ רייכע ליטעראַטור. די ליטעראַ־

טור איז יאָ איינגעהיט געוואָרן, דאָס פאָלק ניט.

די תורה האָט איינגעהיט דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג. די תורה איז אַ תורת חיים — אַ תורה פון און צום לעבן. אין איר איז דאָס לעבן! דאָס לעבן פון יידישן פאָלק.

די ערשטע משנה אין ים התלמוד הייבט זיך אָן מיט: אימתי קוראים את שמע בערבית — „ווען דאַרף מען לייענען קריאת שמע ביינאַכט". ניט צי מען דאַרף לייענען קריאת שמע צי ניט. דאָס איז לגמרי ניט געווען קיין פראַגע. די פראַגע איז געווען וועגן דער צייט, ווען אין אַלע יידישע הייזער זאָל מען אין איין צייט לייענען קריאת שמע. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אָני דער גאָרער וועלט זאָל גלייך אין דער זעלביקער צייט לייענען קריאת שמע. אַז מען דאַרף זיין אַ ייד און אַ ייד דאַרף לייענען קריאת שמע — דאָס איז קיין פראַגע לגמרי ניט געווען. דאָס איז שוין געווען איינגעשטעלט. מען האָט בלויז געדאַרפט באַשטימען די צייט — אַז די צייט זאָל אומעטום זיין די זעלביקע. אָט די איינהייטלעכקייט פון שטייגער האָט איינגעהיט דאָס יידישע פאָלק. אַ ייד דאַרף דינען גאָט דעם גאַנצן טאָג.

פון גריכישן פאָלק איז געבליבן אַ רייכע קולטור. דאָס פאָלק אָבער אַליין איז ניט געבליבן. פון פאַרצייטיקע יידן איז געבליבן ניט בלויז דאָס פאָלק נאָר זיין גאַנצער שטייגער. פאַרוואָס? איך פרוביר דאָס דערקלערן מיט דעם אונטערשייד אין באַציונג. יידן האָבן דעם גאַנצן שטייגער זייערן פאַרהייליקט. די גריכן האָבן זייער קולטור ניט פאַרהייליקט. דער גאַנצער יידישער שטייגער באַשטייט פון מצוות; די מצוות היטן אָפּ דאָס פאָלק. ניט וויכטיק צי גאָט וועט באַצאָלן נאָכן טויט פאַר מצוות און עבירות וואָס אַ ייד טוט. וויכטיק איז דאָס וואָס פון דעם איז אָפּהענגיק דער קיום פון פאָלק. עס איז ניט קיין פראַגע צי יעדער יחיד באַזונדער קריגט זיין שכר פאַר די מצוות און פאַרקערט, דער עונש פאַר די עבירות אויף יענער וועלט. דער קיום פון יידישן פאָלק ווערט פאַרזיכערט מיט דעם. די פאַרצייטיקע גריכן האָבן ניט געזאָרגט פאַרן קיום האומה. דאָס יידישע פאָלק אין דער אייביקייט — דאָס איז אַ פראָדוקט פון אונדזער רעגולירטן שטייגער. דאָס איז געוואָרן אַ סכום מצוות און עבירות, וואָס אַ ייד מוז טאָן און וואָס ער טאָר ניט טאָן. דאָס האָט געמאַכט אַז יידן זיינען איין פאָלק, איין אויפפיר און איין שטייגער.

איך דערמאָן זיך: עס איז אָנגעקומען די צייטונג מיט דער בייעס: אַ פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק. דער טאַטע האָט זיך שטאַרק אויסגעוויינט אין דער מינחהדיקער שמונה עשרה. איך האָב אים מקנא געווען וואָס איך קען זיך ניט אויסוויינען און זיך באַרואיקן ווי דער טאַטע. און עס איז ניט קיין פראַגע פון איין טאַטן. עס איז אַ פּראָבלעם פון אַ יידישן דור. ווער עס קען זיך אויסוויינען און גאָט באַרואיקט אים און ווער עס בלייבט מיט זיין ווייטיק. דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז רעגלאַמענטירט און יעדער מאָמענט פון דעם אויפפיר איז אַ מצווה אָדער אַן עבירה. וואָס איז אַ מצווה? — ניט סתם אַן אָנזאָג, נאָר עס איז אַן אָנזאָג פון אויפפיר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, פאַר יעדן יידן ווו ער איז נאָר אין דער וועלט. עס איז אַן איינגעשטעלטער שטייגער פאַרן גאַנצן פאָלק.

איז איצט דאָס פאַרצייטיק אָפּגעזונדערט, פאַרזיכיק לעבן פון יידן מער ניטאָ. יידן האָבן טאַקע געלעבט אין פאַרשיידענע לענדער, אָבער אומעטום פאַרזיכיק, אָפּגעזונדערט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. איז פון יידיש-דייטש געוואָרן יידיש. נאָר איצט וואַקסן קינדער מער ניט נאַטירלעך מיט יידיש אין שטייגער לעבן, אין דער היים און אין געזעלשאַפט.

האָט רש"י געלעבט צווישן ניט-יידן, פון ניט-יידן, וואָס האָבן געטרונקען זיין וויין, אָבער זיין גייסטיק לעבן איז געווען גאָר ווייט, גאָר ניט דאָס וואָס די אַרומיקע וועלט. האָבן יידן געלעבט צוויי לעבנס: עקאָנאָמיש מיט דער אַרומיקער וועלט, האָבן אויסגעפילט אַן אָרט אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געזעלשאַפט, אָבער גייסטיק האָבן יידן געלעבט גאָר באַזונדער, גאָר פאַר זיך, פאַרן יידישן פאָלק. האָט רש"י געמאַכט וויין צו פאַרקויפן, האָט ער אין דער זעלביקער צייט געשריבן די „קונטרסים" צום תנ"ך און צו

כמעט דער גאַנצער גמרא. ווי די ביידע לעבנס האָבן זיך איינגעהאַלטן אין איין מענטשן — במעט אוממעגלעך צו לערנען. איינפאַך און פשוט איז געווען דאָס לעבן פאַר זיך, האָט מען געקענט לעבן ביידע לעבנס. ניט בלויז רש״י האָט עס געלעבט די צוויי לעבנס, נאָר אַלע וואָס האָבן גע־לעבט מיט דעם פירוש רש״י. דאָס האָבן אַלע יידן אין זיין צייט געלעבט די צוויי באַזונדערע לעבנס, דאָס עקאָנאָמישע פאַר זיך און דאָס גייסטיקע ווידער פאַר זיך. עקאָנאָמיש מיט דער אָרטיקער געזעל־שאַפט און גייסטיק לגמרי פאַר זיך. דאָס פאַרזיכיקע האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם עקאָנאָמישן. עס איז דעמאָלט ניט אויפגעקומען די פראַגע „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו״ — וואָס פאַר אַ שייכות האָט געהאַט דאָס יידישע לעבן פון דעם יידן צו זיין פרנסה?

איצט איז דאָס יידישע לעבן גאָר אַנ־דערש. שוין אַמאָל פאַרצייטן האָבן יידן גערעדט דייטש, געלערנט אין די חדרים דעם טייטש (דייטש) פון די העברעישע ווערטער. מיט דער צייט איז פון דעם „טייטש״ געוואָרן יידיש־טייטש און נאָך שפּעטער — פשוט יידיש. זיינען דאָס עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג. עס איז אייגנטלעך דאָס גליק פון העברעיש, וואָס עס איז ניט גערעדט געוואָרן. וואָלטן יידן גערעדט העברעיש וואָלט זי אַזוי אַנדערש געוואָרן אַז עס וואָלט סיי ווי געוואָרן אַן אַנדער שפּראַך, ניט דאָס העברעיש פון תנ״ך. עס וואָלטן געווען עטלעכע „העב־רעישן״. איצט איז העברעיש איינהייט־לעך, דווקא ווייל עס ווערט ניט אומעטום גערעדט. יידן האָבן קיין מאָל זיך ניט באַצויגן צו זייער שפּראַך ווי צו אַ הייליר־קייט. האָט מען גערעדט העברעיש, האָט עס געהאַט פאַרשיידענע אויסשפּראַכן. האָבן יידן מער הייליקייט געפילט צו אַראַמיש (קדיש בריך שמיה).

## דער פסק דין פון געשיכטע

דאָס פאַרזיכיקע יידיש לעבן האָט זיך געענדיקט מיט דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט געגעבן רעכט די יידן, אָבער יידישקייט האָט ניט באַקומען קיינע רעכט. יידן ווי יחידים — אַלע רעכט. יידן אָבער ווי אַ כלל — קיינע רעכט. האָבן יידן אויפגעלעבט און יידיש־קייט ווי אַ פאַרזיכיקע קולטור האָט אָפּ־געלעבט, אויסגעגאַנגען. אין גאַנץ מערב אייראָפּע — דער זעלביקער גורל. עס געדויערט ביז אַ וואַלד גייט אונטער, נאָך לענגער געדויערט ביז אַ פאָלק גייט אונ־טער. ביסלעכווייז איז יידישקייט אויס־געגאַנגען. די ערשטע איז אונטערגעגאַנ־גען די יידישע שפּראַך. מיט דער יידי־שער איז אויך אויסגעגאַנגען די יידישע שעפערישקייט. אין גאַנץ מערב־אייראָפּע איז מער גאָר ניט געשאַפן געוואָרן אין יידישקייט. אַ פאָלק שאַפט פאַרזיכיק כל זמן עס לעבט פאַרזיכיק. ניטאָ קיין פאַרזיכיק לעבן איז אויך ניטאָ קיין פאַר־זיכיקע שעפערישקייט. עס שטייט אַ נאַ־קעטער וואַלד, וואָס שאַפט שוין מער ניט. ער וואַרט נאָר ביז די אַנגעזאַמלטע האָלץ אין די ביימער וועט פאַרפוילט ווערן. אַ פאָלק ווי אַ וואַלד, וואָס מען האָט פאַר־געסן אויסצוהאַקן. עס שטייט דער וואַלד שוין אַ טויטער, אַ געשטאָרבענער, וואָס שאַפט ניט מער קיין געהילץ. איינצעלנע ביימער לעבן נאָך, נאָר נישטאָ מער דער וואַלד. יידן זיינען נאָך דאָ אין מערב־אייראָפּע, אָבער ניטאָ מער קיין יידיש־שעפעריש פאָלק. דאָס איז געווען דער פסק־דין פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע פאַר יידן און פאַר דעם יידישן פאָלק. באַזונדערע יידן, ווי יחידים — יאָ; אָבער ניט קיין יידיש פאָלק.

און דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהייבן אונטערצוגיין. עס האָלט אין מיטן פון פראָצעס: נאָך ניט אויסגעפוילט דאָס גאַנ־צע אָנגעזאַמלטע געהילץ פון וואַלד, נאָך דאָ וואָס עס זאָל פוילן ... דאָס איז דער גורל פון יידישקייט און פון יידן אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. געבליבן איז אַ שעפע־רישע יידישקייט נאָר אין רוסלאַנד, וואָס האָט ניט געגעבן יידן קיין רעכט. נאָר די יידישקייט האָט געשאַפן, האָט געבויט; נאָר די יידישקייט האָט אויפגעבויט נייע ישובים, האָט אויפגעבויט די יידישע מדינה, די יידישע קולטור, די ליטעראַ־טור אין ביידע יידישע שפּראַכן. נאָר די יידישקייט האָט אויפגעבויט אין ארץ ישראל אַ יידישע ליטעראַטור, אַ יידישע קולטור אויף ביידע שפּראַכן. אַ פאָלק שאַפט און בויט כל זמן עס האָט אַן אייגע־

נע פאַרזיכיקע שפּראַך. פאַרלירט אַ פאָלק זיין שפּראַך, פאַרלירט עס אויך זיין שעפערישקייט. אַט דאָ האַלטן מיר איצט אין לעבן פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. וועלן מיר שאַפן אין אונדזערע אייגענע שפּראַכן וועלן מיר אויך לעבן. דאָס איז דער פּסק פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

## ווו האַלטן מיר איצט?

ווו האַלטן מיר איצט אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק? וויל מען וויסן, דאַרף מען זען וואָסער שבט און פון וואָסער לאַנד דער שבט קומט. מיר האָבן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט געלעבט און געשאַפן. אָבער ווער? וואָסער שבט? דער ענטפער איז אַ קלאָרער און אַ פּשוטער: נאָר דער שבט, נאָר דער טייל פון יידישן פאָלק וואָס האָט געלעבט אין אַ פאַרזיכיקער באַזונדערער שפּראַך. ניטאָ קיין שפּראַכן־יחסנים. די שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט, זי איז דער כוח פון פאָלק און זיין צוקונפט. דאָס איז דער פּסק פון דער געשיכטע.

איז ניט די באַציונג צו דער אייגענער פאָלקסשפּראַך אַ סימן מובהק צו דער עצם באַציונג פון פאָלק צו זיך אַליין, צו זיך גופא? איז דען דער געהויבענער יחוס צו העברעיש ניט קיין תולדה פון דעם וואָס עס איז ניט גערעדט געוואָרן? וואָלט דען די באַציונג צו העברעיש ניט געווען די זעלביקע ווי צו יידיש, ווען דאָס פאָלק וואָלט יאָ גערעדט העברעיש? צי איז ניט די באַציונג צו יידיש און צו העברעיש קיין באַוויז פון דעם עצם באַציונג פון די מענטשן צום אייגענעם פאָלק בכלל? זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל געשריבן אַז „פאַרצייטן האָבן די יידן גערעדט העברעיש אַ סך שענער ווי היינט, און דאָס אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין רוסיש.

דאָ קומען מיר צו אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער־שטריך ביי היינטיקע יידן צו דער עגאָפּאָביע, וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אין אַן אַנדער אָרט.

## דער אור לגויים

ניטאָ משה... זעלטן ווען אַ פירער וואָס הייבט אָן אַ גרויסע אַרבעט קען זי אויך פאַרענדיקן. אַנהייבן איז גרינגער ווי דורכפירן. יהושע פירט ווייטער די יידן. און יהושע איז ניט משה. לאַנגע דורות האָבן מיר זיך אַלץ ניט אויסגעלערנט זיין אַן „אור לגויים". יידן לערנען זיך פון אַנדערע פעלקער, פון זייערע דרכים און פירונגען. עס וועט געדויערן גאָר לאַנג ביז יידן וועלן ווערן אַן „אור לגויים" ווי משה האָט געוואָלט. אַנשטאָט צו לערנען די וועלט, האָבן יידן גאָר געלערנט פון אַלע אַרומיקע פעלקער. און די גאַנצע צייט פון דער ערשטער יידישער מלוכה איז נאָך ניט בולט קלאָר געוואָרן דער יידישער גאַנג און זיין פאַרזיכיקייט. די גאַנצע צייט פון ערשטן בית המקדש ביזן חורבן איז כמעט ניטאָ קיין אונטערשייד. די נביאים האָבן גערעדט זייערע געהויבענע געדאַנקען, אָבער זייערע רייד האָבן ווייניק וואָס אָנגערירט די צוהערער. עס איז דאָ אַ גמרא אַז איין „הסרת טבעת" פון המנען האָט מער געווירקט ווי די רייד פון אַלע נביאים און נביאות. עס איז אפשר אַ גוזמא, וואָרום עס איז דאָך אַ גרויסער וווּנדער, ווי זיינען איינגעהיט געוואָרן די רייד פון די נביאים אָן אַ דרוק און אָן פּאַפּיר. און דאָך איינגעהיט.

צוויי ליטעראַטורן פון פאַרצייטן זיינען איינגעהיט געוואָרן: די גריכישע און די יידישע. די גריכישע ליטעראַטור איז געבליבן, אָבער ניט דאָס פאָלק, וואָס האָט די ליטעראַטור געשאַפן. ביי יידן איז געבליבן ווי די ליטעראַטור אַזוי אויך דאָס פאָלק. ווי האָט זיך דאָס איינגעהיט? אָן אייביקע רעטעניש. פאַראַן אַ מיינונג ביי פרומע גוים, אַז גאָט האָט געלאָזן די יידן בכיוון כדי צו ווייזן ווי אַ פאָלק דאַרף ליידן ווען עס גייט ניט אין די ריכטיקע גאָטס וועגן, און אַלע פעלקער וואָס טוען אָן צרות די יידן טוען בלויז אַ מצווה מיט דעם וואָס זיי טוען אָן צרות די יידן. יידן זיינען געבליבן נאָר כדי צו האָבן צרות און פיין פון אַלע אַנדערע פעלקער. די גוים זיינען בלויז מקיים אַ מצווה פון גאָט.

מילא, ווי עס זאָל זיין, אָבער מיר לעבן. עס פליסן טייכן פון אייביק ביז אייביק. עס לעבט דאָס יידישע פאָלק פון דעם ווייטסטן אַמאָל ביז דער אייביקייט, דאָס עלטסטע פאָלק צווישן אַלע אייראָפּעישע

פעלקער, אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען און דאָך לעבט דאָס יידישע־פאָלק! אין גלות ביי גוים, ביי גוים־רוצחים. ברענט מען זיי און מען טוט ווי דער גוטער גאָט האָט זיי „געהייסן" און ווי די רוצחישע נאַטור וויל ברענען און בראָטן לעבעדיקע יידן. אמת, אַ זעלטענער פאַרגעניגן צו זען ווי עס ברענען לעבעדיקע מענטשן? זיי באַהאַלטן דעם טריפהנעם פאַרגעניגן כלומרשט פאַר גאָט, אין דער אמתן גאָר פאַר זייער רוצחישער נאַטור. מען מאַכט אַ בילבול אויף גאָט כדי צו באַפרידיקן די אייגענע רוצחישע נאַטור, ווייל „אין אַכזריות מצויה אלא אצל עכו"ם" (רמב"ם). און דער גרויסער רמב"ם האָט עס גוט געוווסט: ער האָט דאָך געמוזט לויפן פון עקסטן מערב ביז צום ווייטסטן לאַנד אין מזרח, כדי זיך צו ראַטעווען פון גוישער רציחה. וואָס? זיי טוען אָן יידן די גרעסטע צרות? זיי טראַכטן אויס די אינקוויזיציע, די גרעסטע יסורים... וואָס? זיי? חס ושלום! זיי טוען בלויז די מצווה פון גאָט, זייער גוטער גאָט, ניט דער בייזער יידישער גאָט. מאַלע וואָס פאַר אַ בילבולים די גוטע גוים האָבן עס אויסגעטראַכט אויף זייער גאָט.

און די היינטיקע גוים שעמען זיך גאָר ניט מיט דער רציחה פון זייערע עלטערן. צי איז דאָס ניט קיין באַווייז, אַז זיי אַליין וואָלטן גרייט געווען אויף דאָס זעלביקע ווען די צייט וואָלט געווען אַ פאַסיקע?

איז די וועלט אַרום אונדז געבליבן ניט געענדערט, די זעלביקע, די רציחה ניט קלענער, אפשר צוגעפוצט מער. דער פאַרגעניגן פון אומברענגען מענטשן—דער זעלביקער ווי אַמאָל, נאָר פאַרשטעלט. היינט וואָלט זיך קיינער ניט באַרימט עפנטלעך אַז זיינע רייטוועגענער זיינען געלאָפן אין בלוט ביז די אַקסן, ווי דאָס האָט ניט געשעמט זיך צו באַרימען אַ סנחריב. די נאַטור פון מענטשן און פון וועלף בייט זיך ניט. ווי געווען בלוטדורשטיק אַזוי געבליבן. פאַנאַר לעבן ווילנע און דער זומפ לעבן קיעוו, ווו די דייטשן האָבן געלאָזט באַגראָבן די צענדליקער טויזנטער קרבנות פון זייער העלדישקייט; צאָלן מיט בראָנפן פאַר אָנוויזן ווו מען קען געפינען באַהאַלטענע יידן; שרייבן גאַנצע טראַקטאַטן ווי צו פאַרברענען די אומגעבראַכטע יידן עס זאָלן בלייבן ווייניקער סימנים פון די אומגעבראַכטע יידן. עס איז ניט קיין מלחמה נאָר די גרויסע מצווה פון אויסראָטן מייז און יידן. און דאָס האָט געטאָן דאָס דייטשישע פאָלק וואָס האָט איינגעפירט די ערשטע אַלגעמיינע בילדונג אין איראָפּע — אַלגעמיינע בילדונג און אומברענגען און פאַרברענען מיליאָנען יידן, ניט אין מלחמה נאָר קאַלט און רואיק אָן אומבאַוואָפנט פאָלק. וועלף באַפאַלן מענטשן אויף די וועגן נאָר ווינטער, ווען זיי זיינען הונגעריק, ווען דער הונגער לאָזט זיי ניט צו רו. זאַטערהייט, אָנגעפרעסן, אָנגעטרונקען, באַפאַלן ניט קיין וועלף, אָבער מענטשן באַפאַלן יאָ.

## רוים און ירושלים

אַז מען פירט אַ מענטשן פאַרמשפט צום טויט דורך אַ געריכט, גייט פאָרויס אַ מענטש און שרייט: טאָמער ווייסט עמיצער עפעס אַ זכות אויף דעם פאַרמשפטן זאָל ער קומען און ראַטעווען דעם מענטשן. און אַז אַ סנהדרין האָט פאַרמשפט אַ מענטשן צום טויט איין מאָל אין זיבן יאָר (און אפשר אין זיבעציק יאָר, רופט מען עס „סנהדרין קטלא", אַ רוצחישער סנהדרין) טאָרן זיי דעם טאָג ניט עסן קיין פליש. עס זיינען צוויי צוגענג צום מענטשן און צום לעבן פון אַ מענטש. אָט האָט אַ רוימישער פּריץ, אַ פּאַטריציער, געוואָלט אָנטאָן אַ פאַרגעניגן זיינע רוימער, האָט ער געשאָנקען צוויי פון זיינע קנעכט, זאָלן זיי זיך שלאָגן און זאָל מען זען ווער וועט דעם צווייטן הרגענען. רוימער האָבן ליב אַזעלכע פאָרשטעלונגען. אַלץ וואָס עס קאָסט דעם פּריץ איז בלויז צוויי קנעכט.

מעגן די קנעכט זיין צוויי ברידער—רוימישע קנעכט האָבן ניט קיין ברידער. און אָט ליגט שוין איינער אַ טויטער אויף דער ערד—אַ גרויסער פאַרגעניגן פאַר די רוימער. דער גאַנצער פאַרגעניגן האָט אים געקאָסט נאָר איין קנעכט און מער ניט. דאָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן רוים און ירושלים. רוים פאַרנעמט זיך ניט מיט דער קבורה פון קנעכט. געפינט אַ טויער, איז אַרויסגעשפּרונגען

אַ הונגעריקער לייב, דערזען אַ טויטן מענטשן, זיך גענומען צו אים. רוים דאַרף ניט באַגראָבן קיין טויטע קנעכט.

עס פאָרט אַ רוימישע שיף. איינגע־שפּאַנט אין טרייבן די שיף איז ניט דער ווינט און ניט קיין אַנדער נאַטור־כוח. רוים האָט גענוג קנעכט. זיי קענען טרייבן די שיף. זיי זיצן צוגעפעסטיקט צו די געזעסן, און אַז די שיף טרענקט זיך, ראַטעווען זיך מענטשן, די טרייבער פון דער שיף אָבער טאָרן זיך פון אָרט ניט רירן. זיי ווערן דערטרונקען צוזאַמען מיט דער שיף. אַזוי איז דאָס רוימישע רעכט, דער געזעץ וואָס ווערט ביז היינט געלערנט ווי אַ מוסטער פון געזעצלעכ־קייט.

יידן און רוימער. דאָ גייט אום אַ נביא און ער רעדט וואָס עס וועט זיין אין סוף פון די טעג: אַ מענטש קעגן אַ מענטש וועט ניט הייבן קיין שווערד און די גאַנצע תורה פון מלחמה וועט מען פאַרגעסן. מלחמה איז אַ ווילדע זאַך... און דאָרט הרגעט מען מענטשן כדי בירגער זאָלן האָבן פאַרגעניגן פון זען ווי שיין און פיין איין גלאַדיאַטאָר האָט געטויט דעם צווייטן. רוים און ירושלים — צוויי אייביקע שטעט — די מיט איר בלוטיקייט און די מיט אירע נביאים. איינע דער האַמער פון דער גאַנצער וועלט (אַזוי האָט די גמרא אָנגערופן רוים), די צווייטע — איר נאָמען איז פאַרבאָטן געוואָרן. מען טאָר גאָר איר נאָמען ניט דערמאָנען. אַריבער הונדערטער יאָרן. פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל, פאָרט ער איינגעבויגן. קומט אַ ייד קיין ארץ ישראל, געפינט ער יידן מיט גלייכע רוקנס.

## די תורה איז ביי מענטשן

דער מדרש דערציילט, אַז אין דער ישיבה של מעלה לערנט גאָט אַליין אויך זיין תורה. און די חז״ל וואָס זיצן אין גן־עדן און לערנען צוזאַמען מיטן רבש״ע האָבן פלוגתות, מחלוקתן. מען דיסקוסירט מיטן רבש״ע. ער האָט איין מיינונג און „כולא מסיבתא דרקיע״ די חז״ל האָבן אַן אַנדער מיינונג. עס איז אַ פלוגתא חז״ל מיט גאָט ברוך הוא. און מען שיקט פרעגן. דער הימלישער שליח איז אליהו הנביא. ווער איז גערעכט, גאָט אָדער די חז״ל? מען שיקט פרעגן אַ פשוטן מענטשן, ער וועט פסקענען צווישן גאָט און די תלמידי חכמים. ער דער תלמיד חכם איז מער אָנגענומען ווי גאָט אַליין, ווייל „לא בשמים היא״ — די תורה איז ביי מענטשן, ניט אין הימל. און איין מאָל שטייט אין דער תורה „אחרי רבים להטות״ איז דער פסק פון דער תורה, ניט ווי עס וויל דער רבש״ע, נאָר ווי עס שטייט אין דער תורה. און גאָט ברוך הוא הערט עס און ער שמייכלט: „נצחוני בני״. זיי האָבן געבראַכט אַ פסוק, פאַרפאַלן! גאָט מוז זיך אונטערגעבן דעם פסוק.

ניט בלויז מענטשן דאַרפן פאָלגן דער תורה, נאָר גאָט אַליין מוז עס אויך. ער איז טאַקע דער בורא עולם, אָבער די תורה איז שטאַרקער, ווייל די עצם וועלט איז אויך געשאַפן לויט דער תורה: „מביט בתורה ובורא את עולמו״, גאָט קוקט אין דער תורה און באַשאַפט די וועלט לויט דער תורה. די תורה איז, הייסט עס, על־טער פון דער וועלט. מען פרעגט דעם שליח פון הימל, אליהו הנביא: ווי האָט גאָט רעאַגירט אויף דעם ענטפער וואָס ער האָט געקראָגן — מען פאָלגט ניט גאָט, ווייל אין דער תורה שטייט „אחרי רבים להטות״, מען דאַרף פאָלגן דער מערהייט און זי איז קעגן דער מיינונג פון גאָט. ענטפערט אליהו: „גאָט האָט געשמייכלט און געזאָגט: „נצחוני בני — מיינע קינ־דער (די חז״ל) האָבן מיר גובר געווען.״ ניט גאָט פסקנט, נאָר די תורה. גאָט מוז אויך פאָלגן די תורה! זי איז מער ניט אין הימל, נאָר אונטן ביי די חז״ל, און זיי זיינען די מערהייט. זיי פסקענען און גאָט כביכול מוז פאָלגן!

## יידישע שפּראַכן

יידן האָבן איינגעהיט נאָר דאָס וואָס עס איז געוואָרן אין יידישע שפּראַכן. דאָס וואָס איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן ניט אין אַ יידישן לשון איז ניט איינגעהיט געוואָרן, סיידן עס איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ יידיש לשון. דאָס איז ריכטיק אפילו בנוגע צו די שאַפונגען פון רמב״ם. און פון דאַנען וואָלט מען געקאָנט מאַכן

(סוף אויף זייט 28)

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוזאָג פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

אברהם שפּיגעל, קאָונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

- - - - - - - - - - - - - - - - - -

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name ..............................................................................................

Address ..............................................................................................

City ......................................................... Zip Code ..........................